## קאַפּיטל פערצן

1 זאָל אייער האַרץ זיך נישט באַאומרואיקן; איר
2 גלויבט אין ג־ט, גלויבט אויך אין מיר. אין מיין
פּאָטערס הויז איז דאָ אַ סך וואוינונגען; וואָלט
עס נישט אַזוי געווען, וואָלט איך עס אייך געזאָגט;
3 ווייל איך גיי צוגרייטן אַן אָרט פֿאַר אייך. און
ווען איך גיי און גרייט צו אַן אָרט פֿאַר אייך,
וועל איך ווידער קומען, און אייך נעמען צו
4 מיר, כדי וואו איך בין, זאָלט איר אויך זיין. און
וואוהין איך גיי, ווייסט איר, און איר קענט דעם
5 וועג. זאָגט תומא צו אים: האַר מיר ווייסן נישט
וואוהין דו גייסט; און וויאַזוי קענען מיר וויסן
6 דעם וועג? זאָגט צו אים ישוע: איך בין דער וועג
און דער אמת און דאָס לעבן; קיינער קומט נישט
7 צום פּאָטער, אַ חוץ דורך מיר. אויב איר וואָלט
מיך געקענט, וואָלט איר אויך געקענט מיין פּאָטער;
און פון איצט אָן קענט איר אים און האָט אים
8 געזעען. זאָגט פיליפּוס צו אים: האַר, ווייז אונז
דעם פּאָטער, און עס וועט זיין גענוג פֿאַר אונז.
9 זאָגט ישוע צו אים: אַזאַ לאַנגע צייט בין איך שוין
מיט אייך, און דו קענסט מיך נישט, פיליפּוס? ווער
עס האָט מיך געזעען, דער האָט געזעען דעם פּאָטער;
10 און וויאַזוי זאָגסטו: ווייז אונז דעם פּאָטער? צי
גלויבסטו דען נישט, אַז איך בין אין דעם פּאָטער
און דער פּאָטער איז אין מיר? די ווערטער, וואָס
איך רעד צו אייך, רעד איך נישט פון מיר אַליין;
נאָר דער פּאָטער, וואָס וואוינט אין מיר, טוט זיינע
11 מעשים. גלויבט מיר, אַז איך בין אין דעם פּאָטער
און דער פּאָטער אין מיר; און אויב נישט,